STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02636

# LAKHT OYB IR VILT!

Kaiti Braun

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# לאַכט אויב איר ווילט!



הומאריסטישע
סקיצן

# קיטי בראַון

# באַנקראָט

## אַ לעבנס־בילד אין איין אקט

### פּערזאָנען:

| | | |
|---|---|---|
| חיים דוד | אַן ארבעטער | 60 יאָר אַלט |
| חנה | זיין ווייב | 55 יאָר אַלט |
| אסתר | זייער טאָכטער | 30 יאָר אַלט |
| בעני | זייער זון | 25 יאָר אַלט |
| מאָריס | אַ לאַנדסמאַן | 38 יאָר אַלט |
| לילי | זיין פרוי | 25 יאָר אַלט |

### סצענע

אַן איינפאַך צימער ביי אַן אַרבעטער פאַמיליע. אויף די ווענט הענגען בילדער פון פּראָמינענטע אַרבעטער־פירער. אַ שאַנק מיט ביכער, אַ טיש מיט שטולן. עס איז נאָכמיטאָג — ווינטער צייט — אין אויוון ברענט אַ פייער. דער טיש איז אָנגעשטעלט מיט געשיר.

חיים דוד און חנה אויף דער בינע

חנה: (ווישט די טעלער) חיים־דוד, וואָס־זשע, דו גייסט היינט נישט צוריק אין שאָפּ? וואָס איז היינט פאַר אַ יום־טוב?

חיים דוד: (טרינקט טיי מיט לימענע) וואָס וועל איך דאָרט טון? כאַפּן אַ דרימל? אַז יאָ דרימלען איז דאָך בעסער אין דער היים. איך וועל דיר דערקלערן דעם חילוק, ווערסטו זען, אַז איך האָב רעכט: אין וואָרקשאָפּ דרימל איך ווי אַ שניידער, אָבער אין דער היים קען איך מיר דערלויבן צו דרימלען ווי אַ מענטש; פאַרשטייסט?

חנה: וואָס־זשע, ס'איז גאָר קיין אַרבעט נישטאָ?

חיים דוד: און אַז עס איז יאָ דאָ עטלעכע דזאָבס, זאָגט דער גאַוונער, אַז ער קען זיי אַליין מאַכן. ער איז בילכער פון מיר. צו וואָס זשע איז ער אַ גאַוונער? דער חילוק איז נאָר, אַז ער פון אונזער אַרבעט מאַכט אַ לעבן; און מיר פון זיין אַרבעט מאַכן נאָר מיט די זייטן. פאַר־שטייסט, חנה?

חנה: גיי שוין גיי; מיינסט אז די גאוונערס ארבעטן נישט שווער? גלויב מיר, חיים דוד, אמאָל נאָך שווערער פון אייך — נאָר איר ארבעט מיט די הענט און זיי ארבעטן מיט די קעפ.

חיים דוד: אזוי טאָ פאַרוואָס זענען אונזערע הענט געשוואָלן און זייערע קעפ נישט?...

חנה: וואָס פרעגסטו מיך, פון וואַנען זאָל איך דאָס וויסן? כ'בין דאָך נישט מער ווי אַ יידענע...

חיים דוד: (הייבט זיך לאַנגזאַם אויף, גלייכט אויס די ביינער) בעני ארבעט?

חנה: (קרימט אים נאָך) בעני ארבעט? איך ווייס אזויפיל ווי דו. קומט אַהיים, עסט זיך גוט אָן און גייט ווייטער. גאַנצע וואָכן האָב איך פון אים קיין פּעני נישט געזעען. גייט אויף אַלע מיטינגס, קויפט אפשר צען פּייפּערס אַ טאָג און איז געוואָרן אַ גאַנצער שמעגלע מיט די מיינערס; האַלט אין איין פרעגן, פאַרוואָס לאָזט מען זיי אונטערגיין, פאַרוואָס לאָזט מען זיי פאַרשווארצט ווערן? האָט זיך אריינגענומען אין קאָפּ, אז מען דאַרף נישט ארבעטן; ס'דאַרף נישט זיין קיין אָרים און רייך. נו, פרעג איך דיך, וואָס האַלטסט זיך פאַר אַ חכם, קען דאָס מעגלעך זיין?

חיים דוד: אזא יאָר אויף מיר ווי גוט דאָס וואָלט געווען, ווען די רייכע זאָלן נאָר איינגיין דערויף.

חנה: נו, יאָ, דערווייליע גייט עס אים צו מיין קאָפּ. (קוקט אויפן זייגער) זע נאָר, עס איז שוין שפּעט און אסתר איז נאָך נישטאָ צו דינער. אָרים קינד מיינס! זי האָרעוועט נעבעך אזוי שווער און ביטער; זי איז דאָך די איינציקע וואָס האַלט אויף דאָס הויז! (ווישט זיך די נאָז מיטן האַנטוך פון געפּעס).

חיים דוד: אַ גוט קינד, אין טאַטן געראָטן.

חנה: אַ גוט קינד און האָט נעבעך קיין מזל נישט. אַן אַנדער מיידל אין אירע יאָרן האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט. איך אין אירע יאָרן בין שוין געווען אַ מאַמע און ביי איר הויבט זיך נאָך גאָרנישט אָן. דאַכט זיך אַ קלוגע, אַ גוטע און נישט קיין מיאוסע, און דאָך קוקט זיך קיינער נישט אום אויף איר / ווי איז דער מאַמען!

חיים דוד: זאָג מיר, איך בעט דיך, ווי אַלט איז אונזער אסתר?

חנה: (בייז) אָט האָסטו אַ טאַטן צו מיינע צרות, ווייסט אפילו נישט ווי אַלט זיין טאָכטער איז. (רוימט אים אין אויער אריין) זי איז שוין דרייסיק יאָר אַלט. דו ווייסט וואָס עס מיינט היינטיקע צייטן אַ מיידל פון דרייסיק יאָר?

חיים דוד: וואָס דען איך ווייס נישט? דרייסיק איז נישט אַכצן. מיינסט, אז איך זאָרג זיך ווייניק פאַר איר? איך קען דאָך גאַנצע נעכט קיין אויג נישט צומאַכן פון צרות.

חנה: נעבעך, אַ ביטער רחמנות אויף דיר! דו שלאָפסט נישט, נאָר

כראָפעסט. און אַז דו הייבסט אָן צו כראָפּען קענסטו אַ טויטן אויפוועקן . . .
פֿון די אַלע יאָרן זינט איך קען דיך, האָסטו דיר קיין זאַך נישט גענומען צום
האַרצן און היינט אוודאי נישט, געטרייער טאַטע מיינער . . .

חייד דוד: שוין, האָסט שוין אויפגעמאַכט דיין געשליפֿן פּיסקל?
נו, וועל איך טאַקע דיר צו להכעיס זיך גיין אַביסל צו לייגן, כאַפּן אַ דרשים,
און אַביסל פֿאַרגעסן אין די צרות.

חנה: נו, יאָ, מיט דעם זענט איר מענער געבענטשט; אַז איר לייגט
זיך פֿאַרגעסט איר אין די צרות, אָבער ווען מיר ווייבער לייגן זיך, הויבן זיך
אונזערע צרות ערשט אָן . . . ווער קען דען שלאָפֿן ווער? . . .

אויפֿטריט בעני (חיים דוד קוקט אויף אים בייז)

בעני: (מיט אַ סך צייטונגען אין אַלע קעשענעס. טוט אויס דעם ראָק
און זעצט זיך צום טיש, לעזט. צום טאַטן) וואָס קוקסטו אויף מיר מיט אַזעלכע
בייזע אויגן, וואָס איז? כ׳בין דיר עפּעס שולדיק?

חיים דוד: ס׳קאַציל קומט, תכשיט מיינער, ביזט שוין מיט מזל
אַהיימגעקומען? אַבי די מאַמע האָט מורא געהאַט, אַז דו וועסט פֿאַרלוירן
ווערן.

חנה: (מיט ווייטאָג) ווייַ איז מיר! ווי אַזוי גייט דאָס אַזאַ יינג
אַרום פּוסט און פּאַסט? טוט נישט אַ האַנט אין קאַלטן וואַסער אַריין, וואָס
וועט זיין דער סוף דיינער? וואָס טוט מען מיט דיר, אדרבא זאָג? !

בעני: גיב מיר עסן. (לייענט ווייטער).

חנה: נו, חיים דוד, האָסט שוין געהערט מיינע צרות, גיב אים עסן.
געוואַלד וועל איך שרייען, געוואַלד, ווי לעבט מען אויף דער וועלט? ער זאָל
דאָס אַ פֿרעג טון, פֿונוואַנען נעם איך; ווער גיט מיר; נישט זיין עסק. קומט
אַהיים, פֿרעסט זיך גוט אָן און גייט ווייטער. די גאַנצע וועלט זוכט ער צו
פֿאַרזאָרגן, נאָר זיך נישט . . .

חיים דוד: זאָג נאָר, זון מיינער, פֿאַרוואָס, זאָלסטו געזונט זיין,
זעסטו נישט עפּעס צו פֿאַרדינען? דו ווייסט דאָך, אַז מיר זענען נישט מער
ווי אָרימע אַרבעטער און וואָס מען ברענגט נישט אַריין אין הויז איז נישטאָ.
גיב אַ קוק אויף דיין שוועסטער: ס׳איז דאָך אַ ביטער רחמנות אויף איר. זי
האָט דאָך שוין קיין כח נישט צו אַרבעטן. איז דאָס אַ יושר, אַז זי זאָל
דאַרפֿן האָרעווען און דיך אויסהאַלטן?

בעני: טאַטע, איך האָב מיט דיר גאָרנישט וואָס צו רעדן. ערשטנס
האָסטו דאָך נאָר וואָס אַליין געזאָגט, אַז אסתר האַלט מיך אויס. נו, בין איך
איר שולדיק אָן דערקלערונג. מיט דיר אָבער האָט עס גאָרנישט וואָס צו טון.
מאַמע גיב מיר עסן, איך בין הונגעריק!

חיים דוד: נו, האָסט כאַטשע געהערט ווי מען רעדט צו אַ טאַטן?

חנה: איי גוט, איך בין זיך מחיה; אַ מצווה אויף דיר. אַ טאַטע
ביזטו? אַ שמאַטע! אַ לייטישער טאַטע עפֿנט אויף אַ מויל אויף אַזאַ יינג

און אז עס העלפט נישט, דערלאנגט מען אים א פאר פעטש. ער וואלט שוין דרך ארץ געהאט פאר דיר. אבער דו? ניין! האסט מער נישט די ווערט. (גיט בעני׳ן צו עסן) א מצווה אויף דיר!

חיים דוד: הער מיך אויס, בן־יחיד מיינער. פון היינט אן און ווייטער זאלסטו זיך ביי מיר אין הויז מער נישט געפינען. זאלסט מופן, דו הערסט צי ניין? מופן זאג איך!

בעני: (עסט) איך נעם פון דיר קיין נאטים נישט.

חיים דוד: (לויפט הין און צוריק אויפגערעגט) צו וועמען רעדסטו, צו וועמען, פרעג איך? הא? (קלאפט אין טיש) ווי א הונט וועל איך דיך פונדאנען ארויסטרייבן! אזוי דינסטו מיר אפ, ווייל איך האב דיך אויף דער וועלט געבראכט, הא?

בעני: ווען דו קומסט מיך פרעגן, וואלט איך דיר איינגעשפארט דעם וויכטיקן אויפטו. א קלייניקייט . . .

חיים דוד: (בייז) וועסט שווייגן, צי ניין?

בעני: (קאלט) איך רעד דאך צו דער זאך. וואס קאכסטו דיך?

חיים דוד: (אויפגערעגט) איך וועל דיך דער׳הרגענען, וועל איך דיך! (כאפט צו אים א בענקל).

חנה: (לויפט אריין אין מיטן) שא, שא, צעלאז דיך נאר נישט. איך בין אויך דא. שלאגן ווילסטו אים גאר? וואס מיינסטו, ס׳איז הפקר וועלט? (וויינט) זאלסט נישט וואגן אויף אים א האנט צו לייגן, דו הערסט? גזלן וואס דו ביזט!

חיים דוד: (בלייבט צוטומלט) אט דאס זענען די מאמעס. פריער הייסט זי אים דערלאנגען פעטש און באלד האט זי חרטה. ווארט, ווארט, גע־טרייע מאמע מיינע, ער וועט דיר נאך די ביינער צעברעכן.

חנה: (מיט טרערן) נישט דיין עסק. מיש דיך ניט צווישן אונז. איך וועל מיך שוין מיט אים פארגלייכן (אין א זייט) גזלן, האסט דאך געקענט פרובירן מיט גוטן.

חיים דוד: שלאגט איך ביידע קאפ אין וואנט. (אפ)

(חנה זעצט זיך ביים פייער, וויינט שטיל. פויזע)

בעני: (גייט צו נעמט זי צערטלעך ארום) מאמע, וואס וויינסטו?

חנה: האב איך דען נישט וואס צו וויינען? ס׳איז דאך דא פונקט ווי אין גיהנום. (שנייצט די נאז) קיין פרנסה איז נישטא, דער טאטע פארדינט נישט, דו אויך נישט, דערצו קריגט מען זיך ארום; אוי ווי איז מיר!

בעני: מאמע, בארואיק דיך. דיינע טרערן צעברעכן מיר דאס הארץ. וועסט זען, מאמע, עס וועט נאך אלץ גוט זיין איך האב אן אויסזיכט אויף א גוטן דזשאב און באלד ווי איך וועל אנהויבן ארבעטן וועל איך דיר אוועק־געבן ביז דער לעצטער פעני. (גייט הין און צוריק) נו, וואס זאל איך טון, אז די צייט איז אזוי שלעכט? און אז איך וועל אוועקגיין פון הויז, און ארומ־וואנדערן איבער די גאסן, אפשר נאך ווערן א טרעמפ, וועט זיין בעסער?

ח נ ה: (שפרינגט אויף) זאָל גאָט אָפּהיטן, מיין קינד! וועד טרייבט דיך דען? אָט וויפיל עס איז דאָ וועט מען זיך טיילן. וואָס זאָל איך טון, איך בין דאָך אַ מאַמע. מן הסתם איז מיר אַזוי באַשערט; מן הסתם דאַרף אַזוי זיין...

ב ע נ י: ניין, מאַמע, האָסט אַ טעות. דאַרפן דאַרף נישט אַזוי זיין, נאָר עס איז אַזוי.

ח נ ה: (הייבט זיך אויף) וואָס איז דער דיפערענץ, אַזוי צי אַזוי, אַבי עס פעלט נישט קיין צרות. איך וועל אַריינגיין אין קיך אָנוואַרעמען אסתר׳ס דינער און ווען זי וועט אַריינקומען, זאָלסטו מיך רופן. (אָפּ)

ב ע נ י (זעצט זיך ביים פייער, לייענט. אַ קלאַפּ אין טיר) קאַם אין!

אויפטריט לילי

לילי: גוד אַפטערנון. עקסקיוז מי, איז אייער שוועסטער אין דער היים?

ב ע נ י: ניין. אָבער זי וועט באַלד קומען. זיצט.

לילי: (זעצט זיך, צעשפּיליעט דעם מאַנטל, שמייכלט קאָקעטיש) איך האָב אפילו קיין צייט נישט, דאָך וועל איך וואַרטן, ווייל איך מוז זי זען.

ב ע נ י: וואָס זענט איר אַזוי ביזי? און וואָס האָט איר קיין צייט נישט?

לילי: איך דאַרף גיין צו מיין דרעס-מייקערין.

ב ע נ י: דאכט זיך איר טראָגט אַ זער שיין קלייד און שוין דאַרפט איר ווידער זיין ביי אייער דרעס-מייקערין?

לילי: (שמייכלט קאָקעטיש) דאָס הייסט ביי אייך אַ שיין קלייד? גלויבט מיר, אַז אַ סך שענערע האָב איך שוין אָוועקגעוואָרפן. ערשט נעכטן האָב איך אָוועקגעשענקט זעקס קליידער פון פאַרשיידענע קאָלירן צו מיינער אַן אָרימער קוזינע, ווייל פאַר מיר פּאַסן זיי נישט מער.

ב ע נ י: (פאַרביטערט) אַזוי? פאַר אייך פּאַסן זיי נישט מער און איר האָט זיי אָוועקגעשענקט. (פאַרשענד) איך בעט אייך און אייער מאַן ווייסט פון די אַלע קליידער וואָס איר מאַכט און שענקט אָוועק?

לילי: געוויס ווייסט ער. ער מוז דאָך פאַר זיי באַצאָלן. און באַצולט טאָקע מיט ליבשאַפט.

ב ע נ י: ניין, ער באַצאָלט מיט געלט. מיט ליבשאַפט און חניפה באַצאָלט איר. ווי עס ווייזט אויס האָט אייך אייער מאַן שטאַרק ליב.

לילי: (צופרידן) פונוואַנען ווייסט איר דאָס?

ב ע נ י: אָ, איך רעכן אַזוי. אַזאַ פרוי ווי איר לאָזט זיך ליב האָבן.

לילי: נו, און ווען איך זאָל זיין אייער פרוי וואָלט איר מיך אויך ליב געהאַט?

ב ע נ י: וואָס קען איך ווייסן וואָס עס וואָלט געווען. איך ווייס נאָר וואָס עס איז איצט. (פויזע) זאָגט מיר, איך בעט אייך, און איר האָט אייער מאַן ליב?

ל י ל י: (צעגערט) ווען... סאָם טיימס, יע נאָו...

ב ע נ י: אין די סאָם טיימס איז דאָך אויך נאָר דערפאַר ווייל ער גיט אייך נאָך אַלץ וואָס איר ווילט... אָבער ווען נישט דאָס... הא? יאָ, איך פאַרשטיי, לילי?

ל י ל י: מעגלעך, אַז איר האָט רעכט.

ב ע נ י: אַ שאָד וואָס איר זענט נישט מיין פרוי.

ל י ל י: (אין פאַרלעגנהייט) נו, וואָס וואָלט געווען ווען יאָ? (קאָקעטירט אים).

ב ע נ י: איך וואָלט אייך באַהאַנדלט פונקט ווי איר פאַרדינט. (זי ווערט אומרואיק. פויזע) איר ווייסט, לילי, איר זענט זייער שיין. (נעמט זי פאַר דער האַנט) זאָגט מיר ווי פאַרברענגט איר אייער פרייע צייט?

ל י ל י: אַמאָל אין טעאַטער, אַמאָל אויף אַ דאַנס. אָבער צו וואָס דאַרפט איר דאָס אַלץ וויסן?

ב ע נ י: גאָרנישט, גלאַט אַזוי. איר און אייער מאַן זענט דאָך אונזערע פריינט, נישט אמת?

ל י ל י: שור. מיין מאָריס קען דאָך אייך נאָך פון דער היים.

ב ע נ י: אַ יעס, זאָגט מיר, לילי, און אַז איר גייט אויף די פלעצער וואָס איר האָט נאָר וואָס אויסגערעכנט, גייט איר דאָך געוויס אין דער באַגלייטונג פון אייער מאַן, נישט אמת?

ל י ל י: אַ נאָו; מאָריס האָט נישט ליב די זאַכן. דערפאַר דערלויבט ער מיר צו גיין וואו און מיט וועמען איך וויל.

ב ע נ י: און אַז איר קומט אַהיים שפעט ביינאַכט, מאַכט ער אויף די טיר פאַר אייך?

ל י ל י: וואָס פאַר אַ פראַגע? הא, הא. איבריקנס איך האָב דאָך אַ שליסל.

ב ע נ י: אַזוי, איר זענט אַ מאַדאַם מיט אַ שליסל. זער פיין, זער שיין.

ל י ל י: (ווערט פאַרדעכטיק) איך בעט אייך צו וואָס די אַלע פראַגן? וואָס זענט איר — אַ דזשאַדזש, וואָס איר נעמט מיך אויפן קרייץ־פאַרהער?

ב ע נ י: (בייז) הלואי וואָלט איך עס געווען, וואָלט איך געהייסן אַזעלכע מיקראָבן, ווי איר, אויסראָטן, ווייל איר זענט אַ פעסט פאַר דער געזעלשאַפט.

ל י ל י: וואָס פאַר אַ חוצפה! ווי וואַגט איר מיך צו באַליידיקן, איר שנאָרער, איר קבצן! איך בין געקומען צו אייער שוועסטער און נישט צו אייך. אַזאַ געמיינהייט, מיך אַזוי צו באַליידיקן! (האַסטיק אָפּ מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ אין דער טיר).

ב ע נ י: (קוקט איר לאַנג נאָך) אָט דאָס איז אונזער פראָגרעס! אַלץ האָט שוין די וויסנשאַפט דערגרייכט, נאָר וויאַזוי אַזעלכע ווייבער צו מאַכן פאַר מענטשן, אָט צו דער שטופע זענען מיר נאָך נישט געקומען.

אויפטריט אסתר

בעני: (לויפט איר אנטקעגן) האלאָ, אסתר, אזוי שפעט צו דינער?
אסתר: וואָס האָב איך פאַרשפּעטיקט? (טוט זיך אויס).
בעני: האָסט שוין געפינשט?
אסתר: (פאַרביטערט) פאַר היינט, אָבער נישט חלילה אויף שטענדיק.
בעני: זיי נישט קיין נאַר. ביזט אַ מיידל, וועסט חתונה האָבן איז אויס אַרבעט. זעסטו ביי מיר וועט זיך עס קיינמאָל נישט ענדיקן.
אסתר: וואָס? דאָס לייִדיק־גיין?
בעני: נו, וואָס קען איך טון, אַז איך קריג נישט קיין אַרבעט! דו ביזט דאָך נישט די מאַמע, דו דאַרפסט דאָך יאָ פאַרשטיין, אַז עס איז נישט מיין שולד.
אסתר: איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי. . .
בעני: אסתר, וועסט היינט אָוונט גיין צום לעקטשור? די טעמאַ איז זער אינטערעסאַנט און וועט באַהאַנדלט ווערן פון אַ גוטן רעדנער.
אסתר: לאָז מיך צורו, איך האָב נישט קיין געדולד.
בעני: ווילסט נישט, וועל איך אַליין גיין. אסתר, האָסט אפשר אַ פּאָר שילינג? אויף מיין ערן וואָרט ווי איך וועל זיי דיר אָפּגעבן מאָרגן.
אסתר: און וואו זענען די נעכטיקע? ס'האָט דאָך אויך געזאָלט זיין מאָרגן. אָבער דער מאָרגן, דאַכט זיך, וועט קיינמאָל נישט קומען. (גיט אים געלט).
בעני: טהענקס, ביזט אַ ספּאָרט. טשירי אָה, ביי ביי. (אָב)
(אסתר מאַכט צורעכט דאָס פייער, זינגט אַ פּאָר ערנסטע טענער, זעצט זיך און רופט, מאַמע, מאַמע! חנה לויפט אַריין, ווישט זיך די הענט)
חנה: האָסט מיך גערופן, טאָכטער? ווילסט אוודאי עסן. אָט טראָג איך דיר שוין אַריין. (לאָזט זיך גיין)
אסתר: מאַמע, קיינער איז דאָ נישט געווען?
חנה: ניין, מיין קינד. אָט ברענג איך דיר אַריין דיין דינער.
אסתר: מען דאַרף נישט, מאַמע, איך וועל שוין שפּעטער עסן.
חנה: שפּעטער, שפּעטער, אַלץ איז ביי דיר אויף שפּעטער. אוי, קינד מיינס, פון אָפּלייגן אויף שפּעטער קומט קיין גוטס נישט אַרויס. דאָס האַרץ ווערט איבערגע׳חלש׳ט, עס פאַרגייט דער אפּעטיט און שפּעטער ווילט זיך שוין נישט מער.
אסתר: דאַרף מען נישט. זעסטו, קיין גרעסער אומגליק זאָל נישט טרעפן. איבריקנס, אַז עס אַרט מיך נישט, וואָס אַרט עס דיך?
חנה: איך בין דאָך אַ מאַמע! אַז איך זע ווי דו גייסט אויס ווי אַ ליכט, האָסט שוין קיין כוח נישט אויף די פיס צו שטיין, ווילסטו עס זאָל מיך נישט אַרן?

א ס ת ר: (בייז) וואָס ווילסטו פֿון מיר האָבן, מאַמע? הויבסט שוין ווידער אָן? אפשר בין איך דיר אין וועג, וועל איך אָפּטרעטן און — אַ סוף!

ח נ ה: איך רעד, פֿון האַרצווייטאָק רעד איך. מיין איך דען אויף שלעכטן? איך האָב דיך געבעטן אַלע יאָרן, אסתר זיי נישט קיין צו קלוגע, טו אַזוי ווי אַלע מיידלעך. גיי אויף אַ דאַנס, אויף אַ חתונה, אין טעאַטער; אפשר וועט גאָט העלפֿן וועסט זיך באַקענען מיט אַ יינגן מאַן און ס׳וואָלט עפּעס געוואָרן דערפֿון. נו, האָסטו געזאָגט, אַז איך ווייס נישט און פֿאַרשטיי נישט . . . ביזט נאָכגעגאַנגען דיין אייגענעם קאָפּ. נו, האָסטו גוט אויסגעפֿירט?

א ס ת ר: וואָס זאָל איך טון, אַז איך געפֿין נישט קיין אינטערעס און קיין פֿאַרגעניגען אין די אַלע פֿאַרוויילונגען, וואָס דו האָסט נאָר וואָס אויסגערעכנט. ניין, מאַמע, נישט יענע יינגעלייט אַפּעלירן צו מיר, וואָס גייען זוכן מיידלעך אויף דאַנסעס און חתונות. זיי זענען דאָך ספּאָרטס־לייט, איז דאָס חתונה־האָבן ביי זיי אויך אַ ספּאָרט. אַ סך פֿון יענע יינגעלייט האָבן אפילו נישט קיין אויסזיכט פֿון וואָס אַ לעבן צו מאַכן און דאָך נעמען זיי אַ מיידל און פֿאַרדרייען איר אַ קאָפּ.

ח נ ה: נישקשה, גאָט פֿאַרלאָזט נישט. אַ יידישע טאָכטער דאַרף און מוז חתונה האָבן.

א ס ת ר: נו, יאָ, דאָס איז דאָך דאָס אומגליק וואָס זי מוז. דערפֿאַר זענען פֿאַראַן אַזויפֿיל גרושות און עגונות. און איך זאָג, אַז איידער שלעכט חתונה האָבן איז בעסער צו פֿאַרבלייבן אַן אַלטע מויד.

ח נ ה: אָט דאָס האָסטו דיך אויסגעלערנט אויף די מיטינגס און לעקטשורס וואו דו גייסט. פֿון די אַלע ביכער וואָס דו לייענסט— (ציינגט אויף די בילדער) זיי זענען דיינע לערער, דיינע וועגווייזער. וואָס אַרט דיך, אַז דיין מאַמע׳ס האַרץ ווערט צעבראָכן? און טאַקע אין דער אמתן, וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט אַן אַלטע מאַמע ביי אַזעלכע קלוגע קינדער ווי מיינע?

א ס ת ר: (נערוועז) נו, וואָס־זשע ווילסטו? אדרבא זאָג, וואָס זאָל איך טון?

ח נ ה: קענסט נאָך היינט אויך חתונה האָבן. מען האָט מיר אָנגעשלאָגן אַ גאַנץ פֿיינעם שידוך פֿאַר דיר. נאָר איך קען דאָך דיך און ווייס, אַז דו וועסט נישט וועלן.

א ס ת ר: (מיט ווייטאָק) הם, אַז דו אַליין זאָגסט, אַז איך וועל נישט וועלן, שטעל איך מיר שוין פֿאָר דעם חתן . . .

ח נ ה: גלייב מיר אַ מענטש מיט מענטשן גלייך. אַ שיינער, אַ רייכער, אַן אַנשטענדיקער, נאָר . . .

א ס ת ר: נאָר וואָס, ער האָט דעם הויקער?

חנה: חלילה, זאָל גאָט היטן! אַזעלכן וואָלט איך אַליין אויך נישט געוואָלט. (נעמט זי אַרום צערטלעך) נאָר... פֿאַרשטייסט, טאָכטער מיינע, ער איז אַן אַלמן מיט זעקס קינדער, (כאַפּט אונטער) אָבער אַ פֿיינער מאַן.

אסתר: (ווערט היסטעריש) שווייג, מאַמע; שווייג, רעד נישט מער, ווייל איך וועל אַראָפּ פֿון זינען. (האַלט זיך פֿאַרן קאָפּ און לויפֿט הין און צוריק).

חנה: נו, האָב איך גאָרנישט געזאָגט. (אויף אַ זייט) איך האָב דאָך געוואוסט, אַז זי וועט נישט וועלן. (אָפּ)

אסתר: (זעצט זיך ביים פֿייער, צעוויינט זיך שטאַרק. פּויזע. שטעלט זיך אויף, קוקט אַריין אין שפּיגל און ווישט אָפּ די אויגן. זיפֿצט, באַרואיקט זיך, נעמט אַרויס אַ בוך פֿון שאַנק, לייענט איבער דעם טיטל (די פֿרוי וואָס שטייט אין מיטן, פֿון אַרציבאַשעוו.). פֿאַררויכערט אַ ציגאַרעט. נעמט לייענען. אַ קלאַפּ אין טיר — קאָם אין!

אויפֿטריט מאָריס

(זי לויפֿט אים אַנטקעגן) האַלאָו, מאָריס, וואָס מאַכט איר? אַן אמת'ער גאַסט. איך האָב דאָך אייך שוין אַזוי לאַנג נישט געזעען. זיצט.

מאָריס: אַ דאַנק אייך, אסתר, פֿאַר פֿרעגן. (טוט זיך אויס) וועט איר מיר דערלויבן צו זיצן אויף מיין געוועהנלעכן פּלאַץ.

אסתר: שור, מיט פֿאַרגעניגן. (ער זעצט זיך).

מאָריס: נו, וואָס הערט מען ביי אייך דאָ? אים האָב שוין פֿיל מאָל אָפּגעמאַכט ביי מיר אַהערצוקומען, אָבער יעדעס מאָל מאַכט זיך עפּעס אַנדערש און ביז היינט האָב איך נישט געקענט אַדורכפֿירן מיין באַשלוס. נו, וואָס מאַכט איר, אסתר? וואָס מאַכן אַלע? איז עפּעס פֿאָרגעקומען נייעס ביי אייך דורך דער צייט וואָס איך בין נישט געווען?

אסתר: ביי אונדז איז נאָך אַלץ דאָס זעלבע. קיין זאַך האָט זיך נישט געענדערט. (לאָזט אַראָפּ די אויגן).

מאָריס: (באַרואיקט) אַמאָל איז בעסער אַזוי. איר קענט דאָך דאָס ענגלישע שפּריכוואָרט: „נאָו ניוס איז גוד ניוס". נו, איצט וועל איך מיר פֿאַרסמויקן מיין פּייפּ. אפשר וועל איך זיך פֿילן ווי אַמאָל. (רויכערט).

אסתר: (פֿאַרשעמט) וואָס רעדט איר, מאָריס, וואָלט איר דען געוואָלט עס זאָלן זיך אומקערן די אַמאָליקע צייטן? (פּויזע).

מאָריס: און אייך וואונדערט דאָס, האַ?

אסתר: יעס, זער. זאָל איך גלויבן, אַז איר זענט נישט צופֿרידן?

מאָריס: אַבסאָלוט נישט!

אסתר: אין וועלכן זין?

מאָריס: אין יעדן זין פֿון וואָרט.

אסתר: ס'איז אומגלויבלעך. דאַכט זיך, אַז איר האָט אַלץ וואָס קען אַ מענטשן צופֿרידנשטעלן. אַ גוט געשעפֿט, אַ שיינע מאָדערנע פֿרוי, מיט וועלכער איר האָט זיכער נישט חתונה־געהאַט קעגן אייער ווילן. וואָס נאָך קען זיך אַ מאַן ווינטשן היינטיקע צייטן?

מאָריס: (דערשטוינט) אסתר, איר זאָלט פֿרעגן אַזאַ פֿראַגע, אָט דאָס וואונדערט מיך שטאַרק. איר, וואָס פֿאַרשטייט אַנדערש ווי אַנדערע פֿרויען; איר, וואָס קוקט מיט אַנדערע אויגן אויפֿן לעבן, אויף פּאַסירונגען; איבער־הויפּט ווען איר קענט מיך שוין אַזוי פֿיל יאָרן, קענט מיין כאַראַקטער, מיינע אידעען, מיינע אַנשויאונגען; איר זאָלט דענקען, אַז איך קען זיין צופֿרידן. אָט דאָס וואונדערט מיך! (נעמט איר האַנט אין זיינער) אסתר, איך בין באַגאַנגען אַ נאַרישן אומזיניקן שריט, וועלכער וועט מיך רואינירן און איך וועל זיך קיינמאָל נישט פֿאַרגעבן.

אסתר: (דערשטוינט) מאָריס, וואָס רעדט איר? איך פֿאַרשטיי אייך נישט. אַז איר דערלויבט זיך אַזוי פֿריי אויסצודריקן, שטעל איך מיך פֿאָר וואָס איר לעבט איבער. איך בעט אייך דערציילט מיר אַלץ, אפשר וועל איך אייך קענען העלפֿן, ווי איין פֿריינט אַ צווייטן. איר קענט זיך קוים פֿאָר־שטעלן ווי אייערע ווערטער האָבן אויף מיר געווירקט. זאָגט מיר, אין וואָס באַשטייט אייער אומצופֿרידנהייט?

מאָריס: אין מיין געזעצלעכן פֿאַרבינדן זיך מיט אַזאַ פֿרוי, וועלכע איז אַבסאָלוט נישט פֿאַר מיר. איך ווייס איר וועט האַלטן מיין אויסדרוק פֿאַר אַן אומזין. איר וועט פֿרעגן, וואָס האָט מיך געצוואונגען חתונה צו האָבן מיט איר. אָבער איך קען אייך בלויז ענטפֿערן: איך ווייס אַליין נישט פֿאַרוואָס איך האָב עס געטון. איך האָב זיך מיט איר באַקענט ביי אַ פֿריינט. זי איז געווען שיין, יינג און צאַרט. איך בין געווען נאַאיוו אין דעם זין און זיך געלאָזט פֿון איר דעם קאָפּ פֿאַרדרייען. יעדן אָוונט פֿלעגט זי מיך אָפּוואַרטןביים געשעפֿט און ווי איך בין נאָר אַרוים אין גאַס, האָט זי מיך אָנגענומען אונטערן אָרעם; זי איז געווען אַזוי ליבנסווירדיק! דער ריח פֿון אירע קאָסטבאַרע קאָסמעטיקעס האָט מיך פֿאַרכישופֿט און עס האָט מיך פֿאַקטיש געצויגן צו איר. איך בין געווען שכור פֿון ליידנשאַפֿט און אָן איבערלייגונג, אָן אַ חשבון וועגן קאָנסעקווענצן, האָב איך זיך מיט איר פֿאַר־בונדן. איך בין אָבער באַלד געקומען צום באַוואוסטזיין; געעפֿנט מיינע אויגן און דאַן ערשט אויסגעפֿונען, אַז זי איז אַ פֿרוי מיט אַלע אייגנשאַפֿטן, אַ שיין פנים, אַ שלאַנקע פֿיגור, מיט מאַניקירטע נעגל, אָבער דאָס בעסטע, דאָס איידלסטע וואָס אַ מענטש דאַרף פֿאַרמאָגן — אַ נשמה, אָט דאָס איז ביי איר נישטאָ...

אסתר: דאָס איז שרעקלעך! עס איז אָבער קיין צווייפֿל נישט, אַז זי ליבט אייך דאָך.

מאַריס: זי ליבט מיך? אַזאַ פרוי ווייסט נישט פון קיין ליבע... זי זוכט מיין געלט וועלכעס זי פאַרשווענדט אויף נאַרישקייטן; זי ליבט מיך דערפאַר ווייל איך שטער איר נישט צו גיין אויף יענע פלעצער וואָס פאַר־שאַפן איר פאַרגעניגען, שטעלן צופרידן אירע לייכטזיניקע פאַרלאַנגען. איך מאַך איר אפילו קיין פאַרוואורף נישט, ווען זי קומט אהיים שפעט ביינאַכט. די ערשטע צייטן פלעג איך גיין מיט איר, ווייל איך האָב נישט געוואָלט מענטשן זאָלן רעדן; איך בין אָבער מיד געוואָרן פון דעם סאָרט לעבן. יעדן טאָג קומען אריין גרויסע בילס פון פאַרשידענע פירמעס און איך צאָל. דער סוף וועט זיין, אַז זי וועט מיך טרייבן צו באַנקראָט.

אסתר: (זיפצט) יאָ, יאָ, אַזוי איז דאָס לעבן. דער, וואָס קען לעבן, וויל נישט און דער, וואָס וויל לעבן, קען נישט... אָבער דאָך דאַרפט איר אייער האָפנונג נישט אויפגעבן. זי איז נאָך יינג, מעגלעך, מיט דער צייט וועט זי פאַרשטיין ווי אָפצושאַצן איר גליק.

מאַריס: איך ווייס, אַז איר זאָגט עס נאָר, כדי מיך צו טרייסטן. איר זענט אַ טרייע, ליבע נשמה. (זיפצט) אַך, ווען איך וואָלט דאַן פאַרשטאַנען דאָס, וואָס יעצט.

אסתר: יאָ, ווען צייטן זאָלן זיך אומקערן, וויפל אומגליקלעכע וואָלטן גליקלעך געוואָרן! אָבער מיר גייען נישט צוריק, נאָר פאָרויס, חבר...

מאַריס: אַ העלפט פון מיין לעבן וואָלט איך אָפגעגעבן, ווען עס זאָלן זיך ווידער אומקערן יענע גליקלעכע, אינטערעסאַנטע שטונדן; ווען איך פלעג דאָ, אויף דעם זעלבן אָרט, פאַרברענגען מיט אייך אין לעבהאַפטע דיס־קוסיעס. גאַנצע פּראָבלעמען פלעגן מיר באַהאַנדלען. איר געדענקט עס, אסתר? אָ, ווי שיין און דערהאָבן איז יענע צייט געווען און ווי מאָנאָטאָן און לאַנגווייליק איז אַלץ יעצט!...

אסתר: (דרייט אוים דעם קאָפּ, ווישט די אויגן) פאַרוואָס האָט איר דאַן נישט פאַרשטאַנען, נישט געפילט דאָס, וואָס יעצט?

מאַריס: אָבער יעצט פאַרשטיי איך, יאָ אסתר?

אסתר: יעס, נאָר יעצט איז צו שפעט...

מאַריס: (שטייט אויף אַנטשלאָסן) אסתר, איך וויל זיך מיט אייך געזעגענען, איך פאָר אוועק.

אסתר: (דערשטוינט) איר פאָרט אוועק? וואו אהין?

מאַריס: מיר איז קיין אונטערשייד נישט. איך ווייס נאָר, אַז איך מוז אוועק פונדאַנען, אויב נישט וועל איך אַראָפּ פון זינען. אָבער איידער איך פאָר, האָב איך צו אייך אַ בקשה; און איך האָף, אַז איר וועט מיר נישט אָפּזאָגן. (נעמט איר האַנט) אַז איך וועל צו אייך שרייבן, וועט איר מיר ענטפערן?

אסתר: וואָס פאַר אַ פראַגע! איר פילט דאָך מן־הסתם, אַז איך בין

אייך אַ גוטער פריינט און עס וועט מיך זיכער אינטערעסירן צו וויסן וואו איר זענט און וואָס איר מאַכט.

מ אָ ר י ס : אסתר, איר פאַרשטייט מיך נישט, צי איר ווילט מיך נישט פאַרשטיין? איך מיין (צעגערט), אַז איך וועל אייך שרייבן איר זאָלט קומען צו מיר, וועט איר קומען?

א ס ת ר : (צווייפלט) מאָריס, ווי קען איך?! נו, און אייער פרוי?

מ אָ ר י ס : איך וועל זי גטן.

א ס ת ר : (נאָכדענקענד) מאָריס, זייט אויפריכטיק און זאָגט מיר דעם אמת.. זענט איר זיכער, אַז איר ליבט זי נישט?

מ אָ ר י ס : ניין, איך בין אָפנהערציק, ווי איר פאַרלאַנגט עס פון מיר.

א ס ת ר : (אַנטשלאָסן) אַ דאַנק אייך! (פויזע. קעמפט מיט זיך).

מ אָ ר י ס : וואָס טראַכט איר, אסתר? האָב איך אייך געברענגט אין אַ פאַרלעגנהייט אָדער צווייפלט איר נאָך אַלץ אין מיין באַהויפּטונג?

א ס ת ר (אַנטשלאָסן) מאָריס, איך האָב דיך ליב. איך וועל אָנשטרענגען אַלע מיינע כחות דיך גליקלעך צו מאַכן מיט מיין ליבע. אָ, ווען דו זאָלסט וויסן וויפל שלאָפלאָזע נעכט מיך האָט געקאָסט דיין פאַרבינדן זיך מיט אַ צווייטער. איך האָב פּרובירט צו דערשטיקן מיינע געפילן, אָבער עס איז מיר נישט געלונגען און מיין פאַרביטערט האַרץ האָט רעאַגירט אויפן גאַנצן גאַנג פון מיין לעבן.

מ אָ ר י ס : אַך, ווי מענטשן זענען בלינד און זעען נישט וואָס אַרום זיי טוט זיך! פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געעפנט מיינע אויגן דאַן, ווען עס איז נאָך געווען צייט צו פאַרמיידן די אַלע שמערצן און פיין, וואָס מיר ביידע האָבן איבערגעלעבט!

א ס ת ר : טייערער מיינער, מיין געפונען גליק! לאָמיר זיך באַמיען צו פאַרגעסן אַלץ וואָס עס איז געווען און אָנפאַנגען אַ נייַ לעבן מיט נייע האָפנונגען. אונדזער גליק איז געקומען אַביסל צושפּעט, אָבער עס מאַכט נישט אויס. בעסער שפּעטער, איידער קיינמאָל נישט . . .

מ אָ ר י ס : דו פאַרשטייסט דאָס לעבן, מיין האַרציקע געליבטע, נאָר דו. מיר וועלן אַוועק ערגעץ ווייט, וואו קיינער קען אונז נישט. דאָרט וועלן מיר לעבן ווי צוויי מענטשן מיט איין נשמה. און ווען איך וועל באַקומען אַ גט, וועלן מיר צוריק קומען אַהער און איך וועל זיין שטאָלץ און גליקלעך מיט דיר. (ער קוקט אויפן זייגער) נעם, דאַרלינג, און מאַך דיך רייזע־פערטיק. איך האָב נאָך אייניקע זאַכן צו באַזאָרגן. כ'וועל באַלד זיין צוריק. דאַן וועלן מיר באַשטימען וואו אַהין צו פאָרן און וואָס גיכער (קושט זי) גוד־ביי. דער־ווייל נישט אויף לאַנג. (אָב)

א ס ת ר : (ווי צעטומלט) אַזויפיל יאָרן געוואַרט אויף דעם מאָמענט! אָ, וויפל מאָל האָב איך אים שוין אויפגעגעבן! דאָך איז דאָס אוממעגלעכע

מעגלעך געוואָרן. (אין אַ הייטערער שטימונג מאַכט זי צורעכט דאָס פֿייער, וואָס האַלט ביים אויסגיין. רופֿט אין אַן אויפֿגעלייגטן טאָן:) מאַמע, מאַמע!

(חנה לויפֿט אַריין)

חנה: האָסט מיך גערופֿן, מיין קינד! ווילסט אוודאי עסן, האַ? אָט טראָג איך דיר שוין אַריין דיין דינער. זע נאָר, פֿאַרוואָס האָסטו געלאָזט דאָס פֿייער אויסגיין?

אסתר: (פּויקט דאָס פֿייער) שאַ, שאַ, נעם זיך נישט צום האַרצן, אבי עס איז נאָך אין גאַנצן נישט אויסגעגאַנגען. און וואו עס איז פֿאַראַן אַ פֿונק, קען מען נאָך אָפּראַטעווען. אָט וועסטו באַלד זעען. און איצט, מאַמע, גיב מיר עסן. איך בין הונגעריק, אַז איך וואָלט געקענט איינשלינגען אַ גאַנצן אָקס.

חנה: אסתר'ל, מיין קינד, עפּעס איז געשעען נייעס. איז ווער דאָ געווען? איך געדענק שוין נישט די צייט, ווען איך האָב דיך געזעען אַזוי פֿריילעך און אַזוי צופֿרידן. עס זאָל נאָר זיין צום גוטן, טאַטע זיסער אין הימל! עפּעס איז דאָ געשעען אַן איבערקערעניש.

אסתר: יאָ, מאַמע, איך האָב פֿאַר דיר גוטע נייעס. גיי, טראָג מיר אַריין עסן און זעץ דיך דאָ נעבן מיר וועל איך דיר אַלץ דערציילן.

חנה: גוטער גאָט אין הימל, איך בין נישט ווערט דיין חסד! אָט ברענג איך שוין אַריין. (אָפּ)

אסתר (גרייט צום טיש. מאַכט זיך גלייך די האָר, קוקט אין שפּיגל) ווי זאָגט מיין מאַמע, גאָטעניו, עס זאָל נאָר זיין צום גוטן!

(חנה קומט מיטן עסן).

חנה: אָט דאָ, טאָכטער. עס און דערצייל דער מאַמען אַלצדינג, דו הערסט? באַהאַלט פֿון מיר קיין זאַך נישט. אַ מאַמע איז דער בעסטער פֿריינט!

אסתר: (עסט) מאַמע, איך פֿאָר אוועק.

חנה: (דערשטוינט) וואָס? דו פֿאָרסט אַוועק! וואו אַהין? צו וועמען? צו וואָס?

אסתר: מאַמע טייערע, מאַטער מיך נישט מיט די אַלע פֿראַגן, ווייל איך קען דיר יעצט גאָר נישט זאָגן. נאָר דו וועסט פֿון מיר קריגן אַ בריוו אין וועלכן איך וועל דיר אַלץ דערקלערן. איך פֿאַרזיכער דיר, אַז איך גיי נישט אַראָפּ פֿון גלייכן וועג. קענסט גאַנץ רואיק זיין, דו קענסט דאָך דיין טאָכטער, און מעגסט זיך אויף מיר פֿאַרלאָזן.

חנה: היינטיקע קינדער, פֿרעג מיך נישט, איך קען דיר נישט זאָגן. אָט דאָס זענען די געבילדעטע, די געלערנטע. אַ מאַמע טאָר נישט פֿרעגן און אַ מאַמע טאָר נישט וויסן. ווי איז מיינע יאָרן. (וויינט)

א ס ת ר: (רוקט אָפּ דאָס עסן) איך האָב געוואוסט, אַז עס וועט אַזוי זיין. אַלץ קומט מיר אָן שווער! אַלץ, אַלץ! ווי וואָלט געווען דער פאַל, ווען איך זאָג גאָרנישט, פּאַק איין מיינע זאַכן, פאָר אַוועק און דו וואָלסט אפילו נישט געוואוסט וואו איך בין אַהינגעקומען? דאָס וואָלט בעסער געווען? גלויב מיר, מאַמע, עס איז בעסער צו הערן גוטע בשורות פון דער ווייטנס, איידער צו האָבן צרות פון דער נאָענט...

ח נ ה: מילא, זאָל שוין זיין ווי דו זאָגסט. אָבער וואָס וועלן מיר טון? דו קענסט דאָך דיין טאַטנ'ס פאַרדינסטן און דיין ברודער'ס פילאָזאָפיע. פון וואַנען וועלן מיר נעמען צום לעבן? דו ביזט דאָך אונזער גאַנצע פרנסה־געבערין! ווי איז מיר.

א ס ת ר: זאָרג נישט, מאַמע, איך וועל דיר יעדע וואָך צושיקן וויפיל איך וועל קענען, זיי נאָר רואיק.

ח נ ה: נו, אויב אַזוי, פאָר זשע געזונטערהייט. עס שטייט דאָך געשריבן אין די הייליקע ספרים, משנה מקום משנה מזל. מילא, אפשר וועט דיר גאָט העלפן, מיין קינד? דיר דאַרט צושיקן דיין זיווג. נו, זאָל איך איינפּאַקן דיינע זאַכן?

א ס ת ר: יאָ, מאַמע, פּאַק איין אַלץ וואָס דו קענסט. די בעסטע אונטערוועש און פאַרגעס נישט דאָס בלויע קלייד און דעם דרעסינג־גאַון און אַלע קלייניקייטן, הערסט? אַלץ דאַרף איך האָבן. יאָ, פאַרגעס נישט די נייע פּידזשאַמעס.

ח נ ה: גוט, מיין קינד. (לאָזט זיך גיין)

א ס ת ר: און מאַמע, די ברוינע שיך און די סליפּערס.

ח נ ה: אַלץ, אַלץ, מיין קינד. (גייט)

א ס ת ר: אַ, יעס, און דעם וויסן סליפּ, וואָס דו האָסט מיר געקויפט מיט פינף יאָר צוריק פאַר מיין אויסשטייער. נו, מאַמע, וואָס שטייסטו, האָסט נאָך נישט איינגעפּאַקט? (שמייכלט צופרידן)

ח נ ה: אוי, אַ געזונט אויף דיר! ווי קען איך פּאַקן, אַז דו האָלסט מיך אין ריין רופן! (אָפּ)

א ס ת ר: (זעצט זיך פאַרמאַטערט) נו, גאָט זיי דאַנק, שוין אַלץ אַראַנזשירט. (גייט צו צו דער ביכער־שאַנק, קוקט איבער אייניקע ביכער, לאַנגע פויזע).

חיים דוד דערשיינט פאַרשלאָפן

ח י י ם ד ו ד: זאָג מיר נאָר, טאָכטער מיינע, די מאַמע האָט מיר דערציילט, אַז דו פאָרסט אַוועק. איז דאָס אמת?

א ס ת ר: יאָ; איך האָב שוין דער מאַמען אַלסדינג דערציילט. איך בעט דיך, לאָז מיך צורו און שטעל מיר מער נישט קיין פראַגן.

חיים דוד: חלילה. דו ווילסט נישט, דאַרף מען נישט. אָבער איך וויל נאָר וויסן איין זאַך און נישט מער. צו וועמען פאָרסטו? ווי לאַנג וועסטו דיך זוימען? און ווען קומסטו צוריק?

אסתר: איך קען דיר אויף די אַלע פראַגן אפילו קיין איין ענטפער נישט געבן.

חיים דוד: וואָס הייסט, דו קענסט נישט? וואָס בין איך דיינס? (פויזע) וואָס בין איך דיינס, פרעג איך!

אסתר: אַ טאַטע, אַ טאַטע, אַ טאַטע! שוין גוט!

חיים דוד: בין איך יאָ אַ טאַטע? אַ דאַנקען גאָט דערפאַר. נו, אַז איך בין יאָ אַ טאַטע, האָב איך דאָך אַ רעכט צו פרעגן וואו דו פאָרסט!

אסתר: יאָ; דו האָסט אַ רעכט צו פרעגן, אָבער איך האָב נישט קיין מעגלעכקייט דיר צו זאָגן; וויניקסטנס נישט יעצט.

חיים דוד: (אויפגערעגט) אַזוי? אַ סוד! אַ סוד פאַר טאַטע־מאַמע, האַ? אוי, די היינטיקע קינדער, די קלוגע, די געלערנטע! (ציינגט אויף די ביכער) אַזאַ מזל אויף זיי, ווי זיי האָבן דיך אויסגעלערנט!....

אסתר: (בייז) לאָז מיך צורו, איך בעט דיך. וואָס ווילסטו פון מיר, וואָס מאַטערסטו מיך, וויפיל בין איך דיר שולדיק? איך זאָג דיר, אויב וועסט מיך נישט אויפהערן צו פלאָגן, וועל איך מיר דאָס לעבן נעמען און שוין. (וויינט).

חיים דוד: אָט דאָס איז דער דרך־ארץ, וואָס מען גיט אָפּ טאַטע־מאַמע. אוי, צו וואָס ביזטו געבוירן געוואָרן? צו וואָס — פרעג איך.

אסתר: אָט דאָס פרעג איך אויך. פון דעסטוועגן האָב איך צו דיר קיין טענה נישט, כאָטש דו ביזט שולדיק אין דעם. (זעצט זיך ביים פייער).

בעני דערשיינט

חיים דוד: אָט גייט מיין פרנסה־געבער. הונגעריק אוודאי, האַ? (בעני רוימט איין אסתר׳ן אין אויער) אָט אַזוי טאָג און נאַכט נאָר מען סוד׳עט זיך. נו, האָסט שוין געבראַכט עפעס נייעס, תכשיט מיינער?

בעני: ס׳איז נישט קיין נייעס. אָבער וואָס אַרט עס דיך? מיינע נייעס וועלן דיך סאַי ווי סאַי נישט אינטערעסירן.

חיים דוד: נו, אויב דו האָסט נישט, וועל איך דיר דערציילן נייעס. דיין שוועסטער פאָרט דאָך אַוועק. אדרבא, זאָג, דו ביזט דאָך עפעס אַ גרויסער פילאָזאָף, אַ קלוגער מענטש מיט אַ שאַרפן מח, דאַרף אַ מיידל אַוועקפאָרן אַז טאַטע־מאַמע זאָלן אפילו נישט וויסן וואוהין?

בעני: פאַרוואָס נישט? אויב זי פאַרשטייט, אַז זי דאַרף פאָרן, זאָל זי פאָרן. זי איז שוין גענוג אַלט צו וויסן וואָס זי טוט.

ח י י ם ד ו ד: אַ וויסטער חלום זאָל אויסגיין צו דיין קאָפּ, דיינע הענט און פיס; משומד וואָס דו ביזט! איך האַלט זיך מיט דיר אַן עצה און וויל, אַז זאָלסט מיר אַרויסהעלפֿן, ביזטו גאַר אויף איר זייט. וואַרט, וואַרט איך וועל זיך שוין מיט דיר אָפּרעכענען.

ב ע נ י: נישט נויטיק. איך קען שוין דיינע חשבונות.

ח י י ם ד ו ד: דו וועסט ביי מיר קייען די ערד. שוין זאָלסטו זיך אַרויסטראָגן פֿון הויז, אויב נישט . . . וועל איך דיך אַרויסוואַרפֿן, ווייל איי־נער פֿון אונז מוז אָפּטרעטן!

ב ע נ י: טאַטע, זיי נישט אין כעס, מיר וועלן ביידע דאָ בלייבן; מיר וועלן זיך שוין אויסגלייכן. איך וועל נאָר אָנהייבן צו פֿאָרדינען און דיר אונטער־רוקן עטלעכע שילינג פֿאַקעט־מאַני וועט שוין אַלץ זיין גוט. אַ־יאָ, טאַטע, איך פֿאַרשטיי וואָס עס קוועטשט דיך אונטערן לעפֿעלע? אָבער דער־וויל האָב איך נישט קיין אַרבעט און עס איז נישט וואָס צו רעדן.

ח י י ם ד ו ד: נו, יאָ, אַז דער לענדלאָרד וועט קומען נאָך רענט, וועל איך אים זאָגן, מיסטער־לעבן, איר מוזט וואַרטן ביז מיין תכשיט וועט ווערן ביזי. און אונזער לענדלאָרד איז דאָך אַ גוטע נשמה, אַ מענטש מיט אַ ווייך האַרץ, וועט ער אוודאי וואַרטן; ווי זאָגסטו, טאַכטער?

א ס ת ר: איך זאָג, אַז איר ביידע נודיעט אַרויס די נשמה און איך האָב נישט קיין געדולד. (האַסטיק אָפּ).

ח י י ם ד ו ד: און ער וועט זיכער נישט וואַרטן נאָר אונז אַרויס־וואַרפֿן אויף דער גאַס מיט אונזער גאַנצן פֿאַרמעגנס, מ׳שטיינס געזאָגט.

ב ע נ י: עט, עט, עס וואַרפֿט זיך נישט אַזוי גרינג.

ח י י ם ד ו ד: נו, יאָ, ער וועט אוודאי פֿאַר דיר מורא האָבן. עפּעס אַ קלייניקייט, אַזאַ גרויסער מענטש ווי דו? ביזט אַזאַ חכם, וואָס ליגט אויף מיינע קראַנקע ביינער און שרייט, מאַמע גיב עסן! (גייט צו די ביכער).

ב ע נ י: טאַטע, איך קען דאָס געזעץ בעסער ווי דיין לענדלאָרד. ענגלאַנד איז אַ פֿרייע מדינה, דאָ וואַרפֿט מען נישט. אמת, ער האָט געלט, אָבער כאַראַקטער און מענטשלעכקייט דאָס האָבן מיר.

ח י י ם ד ו ד: נו, פֿרעג איך אַ קשיה: איז עס אַ וואונדער, אַז היינטיקע קינדער זענען אַזוי צולאָזן, ווען מען לעזט אַזעלכע ביכער? (לעזט) די פֿרוי וואָס שטייט אין מיטן. די פֿאַרפֿירטע. ־ פֿרייע ליבע. מאַדאַם יצר־הרע. אָט דאָס איז אוודאי דער מאַמעס מעשה־ביכל . . . אוי, עס איז פּשוט נישט אויסצוהאַלטן.

א ס ת ר דערשיינט

א ס ת ר: נו, ווי האַלט איר? שוין דערליידיקט קאַפּיטאַל און אַרבעט? אוי, נאַראָנים, דאָס האָבן שוין פּרובירט גרעסערע פֿון אייך און דערוויל איז עס זיי נישט געלונגען.

(אַ קלאַפּ אין טיר, ל י ל י דערשיינט)

ל י ל י: (זער צעטראָגן): גוד איװנינג!

ח י י ם ד ו ד: אַ גוט יאָר. קומט נענטער. װאָס שטײט איר אין מיטן?

ל י ל י: אסתר, איך האָב געװאָלט מיט אײך עפּעס רעדן, אָבער נאָר מיט אײך אַלײן.

א ס ת ר: אָלרײט, לילי. טאַטע, זײ אַזױ גוט, גײ אַרײן אין צװײטן צימער.

ח י י ם ד ו ד: שױן װידער אַ סוד. װײ איז מיר, װאו באַהאַלט מען זיך פֿון זײ; װאו טוט מען זיך אַהין? איך װעל גאָר צוגײן צו דער יוניאָן כאַפּן אַ דאָמינאָ. (אָפּ)

א ס ת ר: בעני, פּליז גײ אַרײן אין קיטשן. שטער אונז נישט. (נערװעז)

ב ע נ י: איך װאָלט סאַי װי אַװעק פֿונדאַנען. אירע סודות אינטערעסירן מיך נישט. (אָפּ)

א ס ת ר: קומט אַהער, לילי, זיצט און דערצײלט מיר װאָס אײך האָט אַהערגעבראַכט צו מיר.

ל י ל י: אסתר, אַלס פֿרײנדין װיל איך אײך עפּעס פֿאַרטרױען. מאָרים איז שױן זינט עטלעכע טעג אַװעק פֿון דער הײם, אפשר װײסט איר װאו ער איז?

א ס ת ר: איך? פֿונװאַנען זאָל איך װיסן?

ל י ל י: (אַפּעלירט) אסתר, איך בעט אײך אין נאָמען פֿון אונזער פֿרײנטשאַפֿט, העלפֿט מיר אים געפֿינען. איך קען אָן אים נישט לעבן...

א ס ת ר: פֿאַרװאָס איז ער אַװעק פֿון דער הײם?

ל י ל י: מיר האָבן זיך צעקריגט און ער איז אַװעק. ער װיל נישט איך זאָל גײן טאַנצן. נו, װעל איך נישט גײן. איך װעל אַלץ טון װאָס ער פֿאַרלאַנגט פֿון מיר, אַבי ער זאָל קומען צוריק. (װײנט)

א ס ת ר: אויב איך װעל אים זען, װעל איך מיט אים איבעררעדן. אָבער איך קען אײך נישט צוזאָגן, אַז עס װעט מיר געלינגען. (איבערגאַנג) לילי, איר זענט זער לײכטזיניק. נישט אַזױ האַנדלט אַ פֿרױ קעגן איר מאַן. אַ מאַן װיל האָבן אַ הײם, אַ פֿרױ פֿאַר זיך אַלײן, אַ װירטין אין שטוב. איר זענט דאָס אַלץ נישט געװען. ער האָט אײך געליבט, האָט איר באַדאַרפֿט זײן ליבע אָפּהיטן, אָפּפּרײשן װי אַ צאַרטע בלום, אָבער איר האָט עס נישט געטון. נו, גאַנץ נאַטירלעך איז זי פֿאַרװעלקט געװאָרן און יעצט האָב איך מורא, אַז עס איז שױן צושפּעט...

ל י ל י: (דערשטױנט) פֿונװאַנען װײסט איר דאָס אַלץ?

א ס ת ר: ער האָט דאָס פֿאַר מיר פֿאַרטרױט. אין זײן אומגליק, האָט ער פֿאַר מיר זיך דאָס האַרץ אױסגערעדט. איך האָב פּרובירט אים אײנצורעדן,

אַז איר זענט נאָך יינג און איר וועט מיט דער צייט אַנדערש ווערן, כאָטש איך פֿיל און פֿאַרשטיי, אַז דאָס וועט קיינמאָל נישט זיין. איר זענט אפשר נישט שולדיק, עס איז אייער כאַראַקטער, און דאָס קען מען נישט ענדערן. ער האָט מיר אויך אויסדריקלעך געזאָגט, אַז ער קען נישט און וועט נישט מער לעבן מיט אייך.

ל י ל י : ער וועט מוזן, איך וועל אים צווינגען דערצו. (וויינט)

א ס ת ר : איר זענט נאַאיוו, לילי. עס איז נישטאָ אַזא געזעץ וואָס קען צווינגען אַ מאַן צו וואוינען מיט זיין פֿרוי אויב ער וויל נישט.

ל י ל י : אויב נישט צוליב מיר, איז צוליב עפּעס אַנדערש. (צעגערט) צוליב זיין קינד, וואָס איך טראָג אונטער מיין האַרצן.

א ס ת ר : (שפּרינגט אויף נערוועז) וואָס רעדט איר, לילי, איז דאָס אמת אָדער נעמט איר עס אַן אַלס מיטל אים צו ברענגען צוריק ?

ל י ל י : דאָס איז דער ריינער אמת. די צייט וועט דאָס איבערצייגן.

א ס ת ר : (פֿאַר זיך) אויב אַזוי האָב איך פֿאַרשפּילט. יאָ, יאָ, לילי, ער וועט גיין מיט אייך צוריק אַהיים, איך האָט אַ רעכט אויף אים. אוי, מיין קאָפּ ! (עפֿנט דאָס פֿענסטער) איך ליד היינט פֿון שרעקלעכע קאָפּ־שמערצן.

חנה מיט באַגאַזש

ח נ ה : אָט דאָ, טאָכטער, האָב איך דיר אַלץ איינגעפּאַקט און פֿאַר געזונטערהייט. (דערזעט לילין) אָ, אַ גאַסט ביי אונז. וואָס מאַכט איר לילי ?

ל י ל י : אַ דאַנק, איי עס אַז קעי.

מ אָ ר י ס פֿריילעך געשטימט. דערזעט לילין און בלייבט שטיין אין פֿאַרלעגנהייט.

א ס ת ר : מאַמע, זיי אַזוי גוט און מאַך טיי. מיר האָבן דאָך אַזעלכע געסט.

ח נ ה : יאָ, יאָ. אָט גיי איך שוין צושטעלן דעם קעסל. (אָפּ)

א ס ת ר : מאָריס, לילי איז אייך געקומען איבערבעטן. זי וויל איר זאָלט גיין אַהיים.

מאָרים : איך וועל נישט גיין. (צו לילי) מיט וועלכן רעכט קומסטו מיך זוכן אין פֿרעמדע הייזער ?

ל י ל י : האָב איך דען נישט קיין רעכט, ביזטו דען נישט מיין געצעלעכער מאַן ?

מ אָ ר י ס : (ווערט ווילד) אָבער נישט מער ווי ביים געזעץ.

לילי: מאַריס, איך בעט דיך, קום אַהיים. איך וויל נישט געבן מענטשן קיין געלעגנהייט צו זאָגן, אַז דו ביזט פֿון מיר אַנטלאָפֿן.

מאַריס: הלואי וואָלט איך געקענט אַנטלויפֿן פֿון זיך אַליין און פּטור ווערן פֿון דעם זינלאָזן לעבן. וואָס דערוואַרט מיך ביי דיר אין דער צוקונפֿט; וואָס פֿאַר אַן אינטערעס קען איך האָבן ביי דיר, אַז מיר זענען צוויי קאָנטראַסטן? ! מיר האָבן דאָך קיין שום געמיינשאַפֿטלעכעס צווישן זיך. נאָר אויב דו וועסט זיך שפּילן מיט מיינע געפֿילן און עס וועט דיר דאָך געלינגען מיך צוריק צו נעמען אַהיים, דאַן וועט דאָס פֿאַר אונז ביידע זיין נישט מער ווי אַ גיהנום.

אסתר: מאַריס, באַרויִקט אייך. גייט אַהיים און גיט איר אַ מעגלעכקייט זיך אויסצורעדן. זי האָט אייך זער וויכטיקס מיטצוטיילן. (קערט אַוועק דעם קאָפּ)

לילי: מאַריס, נישט צוליב מיר בעט איך דיך. אויב דו ביזט בייז אויף מיר, טו עס נישט צוליב מיר, נאָר צוליב מיין קינד — אונזער קינד — וואָס דאַרף געבוירן ווערן. (אסתר דרייט שנעל אום דעם קאָפּ, קוקט אויף מאַריסן).

מאַריס: וואָס רעדסטו, לילי, איז דאָס אמת?

לילי: אַזוי אמת ווי גאָט לעבט! (סצענע)

אסתר: מאַריס גייט אַהיים. מען קען נישט גיין קעגן גורל. אַזוי איז עס באַשטימט! (ווישט זיך די אויגן) איר זעט (ציגט אויף איר באַגאַזש) אָט האָב איך באַשטימט צו פֿאָרן אויף אַ וועג וועלכער איז געווען אויסגעשפּרייט מיט בלומען און אַז דער גורל וויל נישט, גייט עס נישט . . .

מאַריס: לילי, גיי אַהיים, איך וועל באַלד קומען.

לילי: (מיט צופֿרידנהייט) דיין ערן־וואָרט?

מאַריס: יעס, מיין ערן־וואָרט.

לילי: אָלרייט, איך גלויב דיר. גוד ביי. (אָב)

(סצענע. לאַנגע פּויזע. אסתר וויינט היסטעריש)

מאַריס: (נעמט זי אַרום) אסתר, מיין טייערע, גלויב מיר, אַז מיר איז פֿיל ערגער ווי דיר. דו ביזט, וויניקסטנס, פֿריי, נישט צוגעבונדען צו קיינעם, איך אָבער ווי וועל איך עס אויסהאַלטן!

אסתר: (פֿאַרצווייפֿלט) מאַריס, גיי אַהיים. עס רופֿט דיך יעצט אַ פֿליכט! דו וועסט ווערן אַ פֿאָטער און דאָס לעבן פֿון דיין קינד וועט אין דיר איינפֿלאַנצן ליבע, גלויבן און מוט. דו וועסט ווידער קענען פֿאָרטזעצן דעם שווערן קאַמף. איך אָבער פֿאַר וועמען האָב איך צו לעבן; ווער דאַרף מיך? (צעוויינט זיך) ווער וועט פֿאַרנעמען דיין פּלאַץ אין מיין האַרצן?

מ אָ ר י ס: די וועלט איז פוסט און נאַריש. נישטאָ קיין ממשותדיקעס. איך האָב געהאַנדלט לייכטזיניק, נישט־אויסגערעכנט, און דערפאַר זיך פאַר־דרייט אין אַזאַ קאָשמאַר פון וועלכן איך וועל זיך שוין קיינמאָל נישט קענען באַפרייען. דו אָבער האָסט שוין געהאַנדלט מיט פאַרשטאַנד, מיט איבער־לייגונג. — דער רעזולטאַט? מיר זענען ביידע באַנקראָט. (נעמט זי אַרום) אסתר, מיר האָבן ביידע געהאַט אַ שיינעם, גייסטרייכן חלום, וואָס האָט נאָר געדויערט אַ קורצע צייט און באַלד זענען מיר געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז נאָר חלומות קענען זיין אַזוי גייסטרייך און שיין! אסתר טייערע, זיי מיר מוחל! דו ווייסט דעם אמת, אַז איך האָב עס אַנדערש געמיינט און געוואָלט. איך גיי וואו עס רופן מיך די פליכטן פון אַ פאָטער, אָבער איך פאַרזיכער דיר, אַז דו און נאָר דו וועסט זיין אין מיין האַרצן און פאַרנעמען דאָס אָרט פון מיין געליבטע, מיין פרוי און לעבנס־באַגלייטערין. זיי געזונט, מיין האַרציק געליבטע און טראַכט תמיד וועגן מיר, ווייל איך וועל שטענדיק דענקען וועגן דיר. (סצענע. גיט איר אַ קוש. זי באַגלייט אים צו דער טיר).

מ אָ ר י ס: גוד ביי, מיין אסתר.

א ס ת ר: גוד ביי. (מאָריס אָפּ. זי גייט וואַקלענדיק זיך צום טיש, פאַלט אַרויף אויף אים און צעווייינט זיך ביטער).

## פארהאנג פאלט.